# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת לך לך, י"ג חשון, שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 4 (624)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:40
מוצאי שב"ק...................7:10

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............יחזקאל ל"ד- ל"ה
בבלי...................קידושין ע"ו
ירושלמי..................חלה ט"ו
תוספתא................שביעית ג'
רמב"ם........קידוש החודש י"א

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ, אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאר אַבְרָהָם אָבִינוּ עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין לַאנְד אוּן פוּן זַיין גֶעבּוּרְטְסְאָרְט אוּן פוּן זַיין טַאטְנְ'ס הויז, אוּן גֵיין צוּם לַאנְד וָואס עֶר וֶועט אִים וַוייזְן.

רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט גְלַייךְ וואו עֶר זָאל גֵיין, אַז עֶס זָאל זַיין בַּאלִיבְּט אִין זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן עֶר זָאל בַּאקוּמֶען בַּאזוּנְדֶער שְׂכַר אוֹיף יֶעדְן בַּאפֶעל פוּנְ'ם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶעס מָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֵייסְן אוּן וַוייזְן וואו צוּ גֵיין וַוייטֶער.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁלִיסְל אִין דָאס לֶעבְּן פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייזְט נִישְׁט פַּאר מֶענְטְשׁ קְלָאר וואו עֶר דַארְף גֵיין אוּן וָואס עֶר בְּרוֹיךְ טוּן אוּן אוֹיפְטוּן אִין זַיין לֶעבְּן, דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט נָאר אֵיין טְרִיט אוֹיפְאַמָאל, עֶר זֶעט וָואס עֶר דַארְף יֶעצְט צוּ טוּן, אָבֶּער פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער אִיז דֶער וֶועג זֵייעֶר פַארְנֶעפְּלְט אוּן פַארְוָואלְקְנְט, אוּן מְ'דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין אֵיין טְרִיט אוּן נָאךְ אַ טְרִיט, זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, אֲפִילוּ מְ'זֶעט נִישְׁט אִין אָנְהוֹיבּ וואו מְ'גֵייט אָנְקוּמֶען, אוּן וִוי אַזוֹי מְ'גֵייט מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער בַּעַל הַטּוּרִים שְׁרַייבְּט אַז דָאס וָוארְט "אַרְאֶךָּ" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "בַּעֲנָנִים" - אִין דִי וָואלְקֶענֶעס. וַוייל אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס וֶוען אַ אִיד וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט גֶעוֶוענְלִיךְ שְׁפִּירְן זֵייעֶר פַארְוָואלְקְנְט, אַזוֹי וִוי וָואלְקֶענֶעס וָואס פַארְשְׁטֶעלְן דִי שַׁיין פוּן דִי זוּן, וֶועט עֶר שְׁפִּירְן וִוי דִי וֶועג אִיז זֵייעֶר טוּנְקְל פַאר אִים, עֶר שְׁפִּירְט אַ גְרוֹיסֶע חֲשֵׁכוּת, אוּן מְ'דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ', י"ז) וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז כְּסֵדֶר פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אֵיין טָאג כַאפְּט אִים אָן אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן עֶר וִויל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי מִדַּת הַדִּין אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט גְלַייךְ אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֶעלְט מֶען אִים אוּנְטֶער פִּיסְלֶעךְ אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחֲמָנוּת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין דִי מְנִיעוֹת.

אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, קֶען עֶר טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי מְנִיעוֹת. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶוערְט עֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז וִוי נָאר עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גוּט אוּן גְרִינְג, אוּן דֶערְוַוייל זֶעט עֶר גָאר אַז אַלֶעס אִיז אִים טוּנְקְל אוּן פַארְלָאשְׁן, אוּן עֶר לָאזְט נֶעבֶּעךְ אָפּ זַיינֶע גוּטֶע וֶועגְן.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם טוּנְקֶעלְן וָואלְקְן אוּן נֶעפְּל וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶעם בַּארְג סִינַי, "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק", זֶענֶען דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּצוּגֵיין, אָבֶּער "וּמֹשֶׁה", דָאס אִיז דֶער דַעַת אוּן שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד נֶעמְט דֶעם שֵׂכֶל פוּן אַ צַדִּיק, "נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל", גֵייט עֶר דַוְקָא יָא אַרַיין צוּם נֶעפְּל, וַוייל עֶר וֵוייסְט, "אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים", אַז דָארְט בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

וֶוען אַ אִיד קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע מְנִיעוֹת אַרוּם זִיךְ, עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, עֶר אִיז מְקַיֵּים דֶעם "לֶךְ לְךָ", גֵיי נָאר צוּ דִיר אַלֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', הַקְדָּמָה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ג, כ"ד) "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶעם תַּכְלִית.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ וֶוען סְ'שְׁפִּירְט זִיךְ פַארְוָואלְקְנְט, מְ'זֶעט נִישְׁט וָואס מְ'טוּט, מְ'פִילְט נִישְׁט וָואס מְ'טוּט אוֹיף, מְ'זֶעט נָאר אֵיין טְרִיט אוֹיפְאַמָאל, וֶועלְן מִיר סוֹף כָּל סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אֶמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֶךְ לְךָ תשע"ה)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ?

חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ו'): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְזָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבִים וּמַרְגָּלִיּוֹת אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים בִּלְבָד" - דִי גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, דִי גֶעלְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ זַאמְלְט זִיךְ אַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס בַּאגְלֵייט אִים נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִי תּוֹרָה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּ מוֹהַרָא"ש אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן מוֹהַרָא"ש אַז דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה זָאלְן קוּמֶען צוּ אַ לְוַיָ' צוּ בַּאגְלֵייטְן אַ נִפְטָר. מוֹהַרָא"ש הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע לְוַיָ' פוּן אַ מֵת מִצְוָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל בַּאגְלֵייטְן, אָדֶער עֶר וִויל פָּשׁוּט אַז עֶס זָאל זַיין מֶער מֶענְטְשְׁן בַּיי דִי לְוַיָ'. יֶענֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס אִיז יָא דָא גֶענוּג מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶר קֶען בַּאשְׁטֵיין אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן אוֹיךְ אַהִינְקוּמֶען. מוֹהַרָא"ש הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אַזוֹי זָאל עֶר נִישְׁט מְבַטֵּל תּוֹרָה זַיין פוּן דִי בָּחוּרִים. חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ט:) אַז מֶען שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאךְ זִיכֶער אִין דֶעם פַאל אַז מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען אַז זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ דִי לְוַיָ'.

<<<<<<

## א גוט ווארט

וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זַיין נַייעֶס אִיז דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, זַיין נַייעֶס אִיז אַ בְּלַאט גְמָרָא, מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט; עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן פִירְט דִי וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן אָדֶער עֶרְגֶער מַאכְן; אַזַא אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועלְט, וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין הָאפֶענוּנְג אִיז נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דוּ ווילְסְט וֶוערְן אַ מַלְאַךְ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ ב' פָּרָשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין גָאר לַאנְגֶער בְּרִיוו.

דוּ ווילְסְט וֶוערְן אַ מַלְאַךְ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג אוּן נָאךְ מַלְאָכִים אִין הִימְל, אוֹיף וָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז בַּאשַׁאפְן? וַוייל פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, וָואס אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, אוּן כַאפְּט אַרוֹיס אַ דַאוֶוענֶען, כַאפְּט אַרוֹיס אַ קְרִיאַת שְׁמַע - דָאס אִיז אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֲבוֹדַת הַמַּלְאָכִים.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעמֵיינְט אַזוֹי ווִי דִיר אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רַבִּי'ן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר זָאלְן זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן וֶוערְן אַ מַלְאַךְ; וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַ נַייֶע דֶערְהֶער, מֶען קֶען זַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט דִי וַוייבּ, מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, כא), בֵּית שַׁמַּאי אוּן בֵּית הִלֵּל קְרִיגְן זִיךְ וָואס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, הִימְל אָדֶער עֶרְד, בֵּית שַׁמַּאי זָאגְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶרְשְׁט בַּאשַׁאפְן הִימְל אוּן נָאכְדֶעם עֶרְד, בֵּית הִלֵּל זָאגְן פַארְקֶערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶרְשְׁט בַּאשַׁאפְן עֶרְד אוּן נָאכְדֶעם הִימְל, זָאגְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי: "תָּמֵהַּ אֲנִי", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, "אֵיךְ נֶחְלְקוּ אָבוֹת הָעוֹלָם עַל בְּרִיאַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ", וָואס קְרִיגְן זִיךְ דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס אִיז עֶרְשְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? "שֶׁאֲנִי אוֹמֵר שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא כְּאִלְפָּס וְכִיסּוּי", אִיךְ הַאלְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְד מִיט דִי הִימְל בֵּיידֶע אוֹיף אֵיינְמָאל, אַזוֹי ווִי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, בֵּית שַׁמַּאי הַאלְטְן שָׁמַיִם אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל פוּן אוּנְז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט רוּחָנִיּוּת, זַיין אַ 'הִימְל מֶענְטְשׁ' ווִי מֶען רוּפְט עֶס, אוֹיסְגֶעטוּן פוּן דִי וֶועלְט, בֵּית הִלֵּל זָאגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶרְשְׁט בַּאשַׁאפְן עֶרְד, צוּ וַוייזְן אַז מֶען דַארְף זַיין דָא אוֹיף דֶער עֶרְד, זָאגְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי, וָואס דַארְף מֶען אָפְּטֵיילְן עֶרְד פוּן הִימְל, הִימְל פוּן עֶרְד? מֶען קֶען זַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן זַיין אִין הִימְל, טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען קֶען זַיין אוֹיבְן אִין הִימְל, זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אוֹיף דֶער עֶרְד, לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, הָאבְּן קִינְדֶער, זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אוּן אוֹיפְצִיעֶן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דָאס גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן זַיין דָא אוּן דָארְט, לֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מִיט דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְשְׁטֵיי גוּט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַדוּרְכְגֵיין דָאס לֶעבְּן אוּן הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן**

**זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תשפ"ד)



דַאן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אַז דֶער עִיקָר כָּבוֹד פוּן אַ נִפְטָר אִיז וֶוען עֶר הָאט דִי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפוּלְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן ווִי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, וָואס פוּן דֶעם וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פִילֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. דַאן וֶועלְן דִי הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים אִים בַּאגְלֵייטְן וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאגְט דֶער תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (פֶּרֶק י"ב) "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם מְלַוִין אוֹתוֹ עַד שָׁעָה שֶׁהוּא נִכְנָס לְבֵית עוֹלָמוֹ" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס אִים בַּאגְלֵייטְן בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן.

מִיר קֶענֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ וָואס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט אִים אָפְּהִיטְן דִי גַאנְצֶע וֶועג אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶס.

דִי לְוַיָה' פוּן מֶענְטְשְׁן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער עִיקָר. פַארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ נִפְטָר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס מִיט אַ גְרוֹיסֶע לְוַיָה'. נִישְׁט פוּן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַן עֵסֶק. מֶען דַארְף נָאר זֶען זִיךְ גוּט אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן פַארְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועט נָאר זַיין חָשׁוּב דִי מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן נָאר זֵיי וֶועלְן אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועג.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק הָאט גֶעוואוֹינְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ר' הֶערְשְׁקָא, עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין עֶפֶּעס אַ צוּבְּרָאכְן הַייזְקֶעלֶע, קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אִים, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעהַאלְטְן פַאר זֵייעֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער זַ"ל גֶערוּפְן זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל אִינְמִיטְן דִי נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גֵיין צוּם עֶק שְׁטָאט דָארְט ווִי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא וואוֹינְט אוּן עֶר זָאל קוּקְן זַיין עֲבוֹדָה וָואס עֶר טוּט יֶעצְט בַּיי חֲצוֹת.

אָנְקוּמֶענְדִיג אַהִין הָאט רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אַרַיינְגֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען ווִי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא זִיצְט אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אוֹיף עֶפֶּעס אַ סֵפֶר אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע וַוארִימְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק. רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער רוֹשֶׁם וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. עֶר הָאט גֶעזֶען אַ אִיד וָואס אִיז אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין כָּבוֹד פַאר זַיין לֶערְנֶען. עֶר זִיצְט אָבֶּער אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַזַא חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

וֶוען רֶבִּי הֶערְשְׁקָא אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַיין לְוַיָה'. בַּיי דִי לְוַיָה' הָאבְּן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט נָאר דְרֵיי מֶענְטְשְׁן. רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער מִיט זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אוּן נָאךְ אַ אִיד.

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט פַארְוָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי לְוַיָה', עֶר הָאט דָאךְ יָא גֶעווּאוּסְט אַז דֶער אִיד אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא פָּשׁוּט'עֶר אִיד. הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס מַאכְט נִישְׁט צוּפִיל אוֹיס וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶס זֶענֶען דָא יֶעצְט אוּנְטְן בַּיי דִי לְוַיָה'. וֶוען דֶער רֶבִּי הֶערְשְׁקָא קוּמְט אָבֶּער אַרוֹיף אוֹיבְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶועט עֶר הָאבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ בַּאגְלֵייטֶערְס. דִי צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים וֶועלְכֶע זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי פִילֶע מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן בְּעִיקָר פוּן דִי לִיכְטִיגֶע נֶעכְט וָואס עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי לְוַיָה' דָארְט אוֹיבְן, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט.

וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ גֵיין צוּ אַ לְוַיָה', אִיז דַאן דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְקְלֶערְן אוּן גֶעדֶענְקֶען דֶעם פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם סוֹף אָן. אוּן דָאס זָאל אִים שְׁטַארְקְן אָנְצוּפוּלְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, אַז עֶר זָאל הָאבְּן מִיט וָואס אַרוֹיפְצוּקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. וֶוען מֶען פִירְט אַן אָרוֹן פוּן אַ נִפְטָר וָואס הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט אִין זַיין לֶעבְּן, דַאן אִיז דָאס נִישְׁט אַ פָּשׁוּט'עֶר אָרוֹן, נָאר דָאס אִיז אַן אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אַ הֵיילִיגֶער אָרוֹן וָואס אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט פִילֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס

>>>>>> מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועז צוּ לֶערְנֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער צַדִיק רֶבִּי צְבִי אֱלִימֶלֶךְ מִבְּלָאזְשׁוּב זי"ע, דֶער "צְבִי לַצַּדִיק", פְלֶעגְט אַסַאךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת. אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער חָסִיד, יֶענֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען בַּיי זַיין טַאטֶע'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד'ל דִינוֹבֶ'ער זי"ע דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" זי"ע, אוּן דֶער חָסִיד הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער צַדִיק זִיצְט אוּן זָאגְט מִשְׁנַיוֹת.

פַאר דֶעם חָסִיד אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפָאלְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטִיקְל גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג: "אִיר זֶענְט אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט מִשְׁנַיוֹת?" וֶוען דֶער צַדִיק הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן מִיט דִי פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹי אוֹי, בַּאלְד קוּמְט שׁוֹין דֶער מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן"...

דֶער חָסִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן, הָאט אִים דֶער צַדִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר זַיין אוּן אַרָאפְּלֵייגְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד אוּן שְׁרֶעק וָואס עֶס כַאפְּט אַ מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעצְטֶער טָאג וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אִים דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן. אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד אַז דִי נְשָׁמָה פְלִיט אִים אַרוֹיס פוּן דֶעם אַלֵיין. אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים! נוּ, זָאל אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת?!"

מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת לְעִילוּי נִשְׁמַת אַ נִפְטָר, וֶוען אַ אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, נֶעמְט זִיךְ יֶעדֶער אוּנְטֶער אַ מַסֶכְתָּא מִשְׁנַיוֹת וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען לְעִילוּי נִשְׁמָתוֹ. מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "נְשָׁמָה", אוּן אוֹיבּ קֶען דָאס הֶעלְפְן אוּן דֶערְהֵייבְּן אַ צְוֵוייטְנְ'ס נְשָׁמָה, קֶען עֶס זִיכֶער אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן הֵיילִיגְן דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים אַז אֵיינֶער זָאל טַאקֶע לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר אִים? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל וַוארְט עֶר נִישְׁט בִּיז דֶעמָאלְט, נָאר עֶר לֶערְנְט אַלֵיינְס מִשְׁנַיוֹת צוּ מַאכְן אַן עִלוּי פַאר זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ יֶענֶעמְ'ס טוֹבוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, נָאר עֶר כַאפְּט אַרַיין וִוי מֶער תּוֹרָה, וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל נָאר דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ד' עֶרֶךְ לְוָיָה וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ מֵת מִצְוָה)



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעבּוֹירְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, צוּ קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם?

***שְׁאֵלָה:***

לִכְבוֹד רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַארְוָואס בִּין אִיךְ בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס בְּרֶסְלֶבְ'עֶר? אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם אוּן אִיךְ זֶע וִוי מַיין בָּחוּר וֶוערְט עֶלְטֶער... עֶס קֶען זַיין אַז מַיין וַוייבּ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ וִויל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק אִים חֲתוּנָה מַאכְן, וַוייל זִי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט נִישְׁט צוּ לַאנְג צוּרִיק אַ טָאכְטֶער אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע חוֹבוֹת; מֶען טְרָאגְט מִיר אָן שִׁידוּכִים פַאר מַיין זוּן אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן וַוייל אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט נָאכְאַמָאל נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן אוּן חֲתוּנָה מַאכְן.

שְׁטִילֶערְהֵייט וֵויין אִיךְ מִיט מַיין זוּן, עֶר אִיז אַ וואוֹילֶער בָּחוּר, אַזוֹי וואוֹיל וִוי אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַלְס בָּחוּר, סַךְ הַכֹּל הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ גוּטְן רוֹשֶׁם, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג הָאט מִיר גֶענָאגְט, אִיךְ בִּין פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן טוֹיזְנְט מָאל אַ טָאג. וֶוען אִיךְ זֶע אַ וואוֹילֶער בָּחוּר קוּמְט מִיר אַרוֹיף מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן וִוי אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט בַּיים דַאוֶונֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט בַּיי דִי גְמָרָא, אִיךְ טְרַאכְט 'אוֹי וֵויי גֶעוַואלְד, עֶר גֵייט דָאךְ אַרִיבֶּער וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען'; בְּקִיצוּר, עֶס הָאט מִיךְ גֶעצוֹיגְן מַיין הַארְץ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פַארְוָואס אוּן וָואס עֶס צִיעֶט מִיךְ, וָואס עֶס נֶעמְט מִיר אַרוֹיס דִי נְשָׁמָה, אָבֶּער הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט גֶעדַארְפְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַ וַוייבּ.

מַיין זוּן אִיז שׁוֹין אַכְצְן יָאר, עֶר וֶוערְט שׁוֹין בַּאלְד נַיינְצְן, אוּן יֶעצְט טְרַאכְט אִיךְ אַז אִיךְ אַלֵיין בִּין גָאר דֶער וָואס הַאלְט אָפּ שִׁידוּכִים פוּן מַיין קִינְד, עֶס גִיסְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ זַיין בְּלוּט פָּשׁוּט וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט מְסוּגָל צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַ וָוארְט, בְּרֶעיסְלֶעט, תְּנָאִים, פוּרְנִיטְשֶׁער, חֲתוּנָה נַאכְט, בַּאוַוארְפְן, שַׁבַּת בְּרָכוֹת, גְמַחִ"ם, חוֹבוֹת.

פַארְוָואס בִּין אִיךְ בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר וָואס קֶען חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ — יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיידֶער דוּ שְׁרַייבְּסְט אוּן דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת פַארְוָואס דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נִישְׁט אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטוּבּ, וִויל אִיךְ דִיךְ פְרֶעגְן צִי דוּ וֵוייסְט וָואס אִיז בִּכְלַל בְּרֶסְלֶב? מִיר זֶעט עֶפֶּעס אוֹיס אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט דִי א' ב' פוּן בְּרֶסְלֶב, בְּרֶסְלֶב אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דוּ רֶעכְנֶסְט אוֹיס, בְּרֶסְלֶב אִיז אֵיין זַאךְ: "זִיךְ דֶערְהַאלְטְן"; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אִים.

זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד - קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער, מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן דִי וַוייבְּ'ס הַסְכָּמָה, וַוייל זַיין אַן אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; נִישְׁט מִיט דִי וַוייבּ, נִישְׁט מִיט מִשְׁפָּחָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; מֶען קֶען טוּן דִי עֵצוֹת, לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת - אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל בִּכְלַל וִויסְן אַז מֶען טוּט דָאס, אַזוֹי וִוי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן, וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אַז זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דִי מַחֲלֹקֶת אוּן דִי הִתְנַגְּדוּת אוֹיפְן רֶבִּי'ן אִיז לֵיידֶער אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן אוּן טוּעֶן דִי עֵצוֹת; זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג, אוּן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, טְרַאכְטְן נִישְׁט פוּנֶעם עָבַר, בַּאנֵייעֶן זִיךְ יֶעדֶע רֶגַע פוּן פְרִישׁ - אָן דֶעם וָואס דִי וַוייבּ אָדֶער מִשְׁפָּחָה זָאלְן וִויסְן, אוּן דָאס אִיז בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת, אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס טוּן.

אִיךְ גֶעדֶענְק מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין אוּמַאן דִי מִיטְל נַאכְט דְרָשָׁה, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁטֶעלְט דִי פְרַאגֶע, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דִי עֶנְטְפֶער. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעפְרֶעגְט, וֶוער קֶען זָאגְן אִין אֵיין וָוארְט וָואס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אֵיינֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן הִתְבּוֹדְדוּת; אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַרַיינְגֶעשְׁרִיגְן דֶרֶךְ הַלִּימוּד, לְסַיֵּם כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; אַ דְרִיטֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵיי אַלֶע גֶעזָאגְט: "אֱמֶת, דִי אַלֶע זַאכְן רֶעדְט דֶער רֶבִּי, אָבֶּער וָואס אִיז דֶער פִּינְטְל פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז אִין אֵיין וָוארְט גַאנְץ חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב?" בִּיז דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעוַוארְט צוּ הֶערְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ וֶועט עֶנְטְפֶערְן, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת אִיז אֵיין זַאךְ 'הִ תְ חַ זְ ק וּ תְ', דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע לִימוּדִים, אַז וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע טֶעג, שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - זָאלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן."

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף קֵיינֶעם, זַיי נִישְׁט בֵּייז אוֹיף דַיין לֶעבְּן, הָאבּ נִישְׁט טַעֲנוֹת אוֹיף דַיין וַוייבּ, אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער - אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט בְּרֶסְלֶב, הוֹיבּ דוּ אָן זַיין בְּרֶסְלֶב, הוֹיבּ אָן זִיךְ מְחַזֵק זַיין, הוֹיבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אוּן אַז דוּ הָאסְט אַ זוּן וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת; אוּן אַז עֶס קָאסְט דִיר מָמוֹן וְדָמִים חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער - הָאסְטוּ אֵיין בְּרֵירָה, וֶוער אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אִין אַ וִוינְקְל אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, בַּיי דִיר אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק אֵיין דָאלֶער, הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אָדֶער טוֹיזְנְט דָאלֶער אוּן הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, הֶעלְף מִיר קֶענֶען לֶעבְּן מִיט דִיר", אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ, אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת; וֶועסְטוּ זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער מִיט דִיר, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה מַאכְן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

BreslevCenter.com\answers

# אַז דוּ ווִילְסְט וֶועסְטוּ קֶענֶען

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אִיר הָאט אַ נֵייעֶם וֶועג! אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ פְרֶעגְן דֶערוֹיף קַשְׁיוֹת, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט נִישְׁט אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז זַיין, זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז, אִיר קֶענְט פְרֶעגְן! עֶר פַאנְגְט אִים אָן צוּ פְרֶעגְן, פוּן וואוּ עֶר נֶעמְט דֶעם נֵייעֶם וֶועג? הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ פַארְצֵיילְט: וִויאַזוֹי עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן אַז דֶער טַאטֶע הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט צַוָואָה, אוּן גֶעזָאגְט: יִשְׂרָאֵל׳יק! זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, זָאלְסְט וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט דִיר, בַּיי דִיר, אִין דִיר, אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר וֶועט דִיר אַלֶעס גֶעבְּן. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מִיט אִים גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן אֵיין שְׁמוּעֶס צוּם צְוֵויטְן, בִּיז עֶר זָאגְט אִים: וֶועסְט זֶעהְן אַז אֲפִילוּ וָואס אַ גוֹי זָאגְט, זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

פְּלוּצְלִינְג קְלַאפְּט אַרַיין אַ גוֹי אַ הֶענְדִי-מַאן אוּן פְרֶעגְט: אִיר הָאט עֶפֶּעס צוּ פַארֶעכְטְן? זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: גֵיי גֵיי, בַּיי מִיר אִיז אַלֶעס פַארְרָאכְטְן. אָבֶּער וִויבַּאלְד יֶענֶער וִויל פַארְדִינֶען אַפָּאר גְרָאשְׁן לָאזְט עֶר נִישְׁט נָאךְ אוּן פְרֶעגְט: אֶפְשָׁר בַּיים טִישׁ אִיז עֶפֶּעס צוּבְּרָאכְן אָדֶער קַאלְיֶע גֶעוָוארְן? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ בַּיי מַיין טִישׁ אִיז אַלֶעס בְּסֵדֶר! פְרֶעגְט עֶר: אֶפְשָׁר דֶער בֶּעט דַארְף מֶען פַארֶעכְטְן? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: מַיין בֶּעט אִיז בְּסֵדֶר. אַזוֹי הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי שְׁטוּבּ, בִּיז עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, דוּ זֶעהְסְט: עֶר אִיז מַיין מוּסָר סֵפֶר! עֶר זָאגְט מִיר: אֶפְשָׁר מַיין טִישׁ אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר אַז אִיךְ עֶס חָלִילָה נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר׳ע זַאכְן? זָאג אִיךְ אִים: מַיין טִישׁ אִיז בְּסֵדֶר, פְרֶעגְט עֶר: אֶפְשָׁר בַּיים בֶּעט טוֹיג נִישְׁט? אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּיי מִיר אִיז דִי בֶּעט גוּט, אוּן אַזוֹי מִיט יֶעדֶע זַאךְ.

זָאגְט דֶער גָאוֹן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: אַלֶעס קֶען אִיךְ אָנְנֶעמֶען, אָבֶּער נִישְׁט דָאס, אַז אַ גוֹי זָאל מִיר זָאגְן מוּסָר, אוּן אַז וֶוען דֶער גוֹי רֶעדְט, אִיז עֶר אַ שָׁלִיחַ פוּן בַּאשֶׁעפֶער. זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: זָאג נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, זָאג אַז דוּ ווִילְסְט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, ווִיל; וֶועסְטוּ קֶענֶען! מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען מִיט כַּעַס פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ. אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ גֶערֶעגְט אוּן גֶעגִיפְט, דָאס לֶערְנְט מֶען דָא, אַז אֲפִילוּ וָואס אַ גוֹי זָאגְט, אִיז דָאס דֶער בַּאשֶׁעפֶער? אוּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז ׳דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען׳, זָאגְט עֶר: ׳דוּ קֶענְסְט יָא נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט׳.

אַזוֹי פָארֶענְדִיג אִינְמִיטְן וֶועג, הָאט זִיךְ אַ וָואגְן פוּל מִיט פֵּירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן דֶער גוֹי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פֶערְד, הָאט זִיךְ דֶער גוֹי גֶעבֶּעטְן בַּיי דֶעם רָב: קוּמְט אוּן הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיס, זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ קֶען נִישְׁט! זָאגְט אִים דֶער גוֹי: זָאג נִישְׁט דוּ קֶענְסְט נִישְׁט, זָאג דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, וֶועסְט וֶועלְן, וֶועסְטוּ קֶענֶען מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פֶערְד! ווִי נָאר עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזוּכְט נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי גֶעבֶּעטְן לָאמִיר אִים הֶעלְפְן, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, כְּדֵי דָאס אִים צוּ פַארְצֵיילְן אוּן מוֹדֶה זַיין צוּ אִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִיז אִים שׁוֹין אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַזוֹי ווִי מַיינֶע אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים? אוּן אַז דוּ ווִילְסְט וֶועסְטוּ קֶענֶען.

(קוּנְטְרֵס ׳עֶס וֶועט זַיין גוּט׳)

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳**

# פרישע ישיבה קטנה געעפענט אין שטעטל

שוין א לענגערע תקופה וואס דער ראש ישיבה שליט"א רעדט ארום איבער זיין ווילן ארויסצוברענגען די הייליגע ישיבה תפארת התורה צום שטעטל, א זאך וואס האט זיך דערווייל נישט אויסגעארבעט.

אבער יעצט געלויבט דעם אויבערשטן אז די קהלה וואקסט, און מער און מער בחורים פון ישיבה זענען קינדער וואס זענען שוין אויפגעוואקסן אין היכל הקודש, און יעצט ביים אנהייב פון די נייע זמן האבן עטליכע עלטערן וואס וואוינען אין שטעטל געטראכט אריינצושיקן די אינגע בחורים קיין וויליאמסבורג צום ישיבה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער זעט די יעצטיגע געלעגנהייט אלץ א פאסיגע צייט אנצוהייבן איבערפלאנצן די ישיבה אין שטעטל צוביסלעך.

און דערפאר האט דער ראש ישיבה באשלאסן אז מען עפענט אויף א פרישע ישיבה קטנה פאר די אינגע בחרוים אין שטעטל. דער נייער ישיבה וואס שטייט בראש פונעם ראש ישיבה שליט"א איז שוין אפן ב"ה און גייט אן מיט א שטארקייט, דער ראש ישיבה שליט"א געבט יעדן טאג א דרשה פאר די בחורים דורך א הוק אפ, מיט חיזוק און הדרכה.

בחורים פון אויסער די שטעטל וואס ווילן וועלן קענען קומען לערנען אין די נייע ישיבה, אבער דערווייל וועט עס זיין אן קיין דארמיטארי, און זיי וועלן זיך דארפן טרעפן א פלאץ וואו איינצושטיין.

דער ראש ישיבה איז זייער פרייליך מיט די נייע ישיבה, און האט עס גענומען ווי זיין נייע פראיעקט, און זאגט אז ער וועט זיך בעז"ה ארײנלייגן אריינצוגעבן אין די בחורים די אלע עצות פון רבין ווי מוהרא"ש האט געלערענט, בפרט די סדר הלימוד, דרך ארץ און מידות טובות, אמונה און תמימות, רעדן צום אויבערשטן, און און אזוי ווייטער.

לעת עתה האט מען אויפגענומען די ערשטע מגידי שיעור פאר די נייע ישיבה תלמידי חכמים און יראי ה׳ הר"ר יוסף שניצלער שליט"א און הר"ר אלחנן ראטה שליט"א.

דערווייל האט מען זיך פלאצירט אויף ציטווייליג אין בית המדרש אין שטעטל, אבער אין די יעצטיגע טעג ענדיגט מען בויען א בנין ספעציעל פאר די ישיבה קטנה, וואס מען האפט צו קענען אריינגיין אין די נאנטע וואכן.


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## דרך ארץ

**וואס איז דאס דרך ארץ ?**

**הערט א שיינע שמועס אויף דעם נושא**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 4, 1, 1, 20, 30**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נפתלי גולד** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגעל למזל טוב**

***

מו"ה **אהרן גולדשטיין** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **משה יצחק לעמברגער** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

< BreslevCenter.com >